גליון 267
שמות תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דוּ שְׁפִּילְסְט נִישְׁט מִיט!

**דֶער נֶעבֶּעכְדִיגֶער אָרִימַאן, הָאט זִיךְ שׁוֹין וַוייטֶער גֶעקֶענְט פְרֵייעֶן, צוּלִיבּ דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער וָואס הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אוּן הָאט אַהֵיימְגֶעקֶערְט זַיין וַוייבּ. דֶער אָרִימַאן הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁטַארְק צוּ שְׁטֵייגְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאקַאנְט אִיבֶּערְן וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן אַלֶע שָׂרִים אוּן אוֹיפְזֶעהֶער. דֶער בֶּערְגֶער הָאט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה מַאכְן זַיין זוּן מִיטְן טָאכְטֶער פוּנֶעם אָרִימַאן, אוּן דֶער אָרִימַאן'ס וַוייבּ הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַזוֹי טוּן.**

**דָא הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רִשְׁעוּת אוּן כְּפִיּוּת טוֹבָה, וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְס גְלֵייכְן: דֶער אָרִימַאן - וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן אוּן מִשְׁפָּחָה פַארְן בֶּערְגֶער - הָאט אַנְשְׁטָאט צוּ אִים בַּאצָאלְן וִוי עֶס קוּמְט אִים, הָאט זַיין גַּאֲוָה אוּן כָּבוֹד אִים גֶעפִירְט צוּ נְקָמָה נֶעמֶען אִין אִים, אוּן אִים בַּאצָאלְן מִיט בֵּייזְנְס. מִיט גְרוֹיס אַכְזָרִיּוּת, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענִידֶערְט דֶעם בֶּערְגֶער פוּן זַיין עֲשִׁירוּת. אוּן עֶר אִיז צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעפַאלְן מַדְרֵיגָה נָאךְ מַדְרֵיגָה, בִּיז עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'נֶען דֶעם זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער !!!**

**עֶס אִיז מֶערְקְוִוירְדִיג אָנְצוּצֵייכֶענֶען, אַז דֶער הֵיילִיגֶער תָּם הָאט - טְרָאץ זַיין גְרוֹיסְקַייט - גֶעבְּלִיבְן מִיט זַיין תְּמִימוּת, אָבֶּער דֶער אָרִימַאן, וֶוען עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, הָאט אִים עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ פּוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע...**

מִיר גֵייעֶן גֵיין זֶען וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט פִּישְׁל אוּן יִשְׂרָאֵלִי'ק נָאךְ אָבוֹת וּבָנִים.

יֶעדֶע וָואךְ צְוִוישְׁן מַעֲרִיב מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן אָבוֹת וּבָנִים, אִיז דָא אַ הַפְסָקָה פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט. טֵייל פוּן דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַהֵיים אוּן מַאכְן הַבְדָּלָה, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט הַבְדָּלָה אִין שׁוּל, בְּלַייבְּן אִיבֶּער אִין שׁוּל אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ אַרוּם בִּיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֵייגְן צְוֵויי שְׁטֶעקֶענֶעס, אוּן לוֹיפְן פוּן וַוייט, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטֶעקְן בִּיזְן צְוֵוייטְן שְׁטֶעקְן. מֹשִׁי אִיז גֶעוֶוען אַחֲרַאי צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן דִי שְׁטֶעקֶענֶעס, דוּרְכְן טַאנְצְן יֶעדֶעס מָאל נָאךְ וַוייטֶער. נָאךְ אִים זֶענֶען גֶעלָאפְן שְׁמוּאֵלִי'יק, יִשְׂרָאֵלִי'ק, דָוִדְ'ל, וָואלְוִוי, חַיִּים, אוּן בֶּערֶעלֶע.

אִין וִוינְקְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פִּישְׁל, אִינְגַאנְצְן פַארְשֶׁעמְט אוּן כִּמְעַט גֶעוֵויינְט. קַיין אֵיין יוּנְגְל הָאט אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט, וַוייל פוּן נַאטוּר אִיז עֶר אַ שְׁטִילֶער אוּן עֶר רֶעדְט כִּמְעַט נִישְׁט הוֹיךְ. אוֹיךְ הָאט מֶען אֱמֶת'דִיג גֶעמֵיינְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן. אִין הַארְצְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ מִיטְשְׁפִּילְן, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאזַייטִיגְט דוּרְךְ דִי חֲבֵרִים. "עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט" הָאט אֵיינֶער אַרַיינְגֶעזָאגְט פַארְן צְוֵוייטְן אִין אוֹיעֶר... "עֶר אִיז סְתַּם עֶפֶּעס אַזַא נֶעבֶּעכְדִיגֶער אִינְגְל..."

אֵיין מָאל הָאט יִשְׂרָאֵלִי'יק זֵייעֶר רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם וָואס מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים, אוּן עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סוֹף דֶערְצוּ. "אִיךְ הַאלְט נִישְׁט בַּיים שְׁפִּילְן מִיט עֶנְק אָן פִּישְׁלִ!" הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן. 'וָואס הָאט עֶר מִיט פִּישְׁל?' הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעוואוּנְדֶערְט. אָבֶּער מֶען הָאט אִים גֶעשֶׁעצְט, אוּן.. פִּישְׁל אִיז - פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט - אַרַיין אִין שְׁפִּיל! יִשְׂרָאֵלִי'יק הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע זִיג: "פִּישְׁל גֶעוִוינְט..."!!

נָאךְ צְוֵויי חֲדָשִׁים, אִיז פִּישְׁל שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי מֶערְסְטֶע בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל. אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט אוּן גֶעשֶׁעצְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט דַוְקָא אַ שֶׁעמֶעוְודִיגֶער אוּן שְׁטִילֶער, נָאר פַארְקֶערְט – עֶר אִיז קְלוּג אוּן פּוּנְקְטְלִיךְ. אַזוֹי הָאט עֶר מֶער אוּן מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ זַיין נָאנְט מִיט אִים.

אָבֶּער דַאן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ כְּפוּי טוֹבָה צוּ יִשְׂרָאֵלִי'יק.

זַייעֶנְדִיג אַזוֹי אָנְגֶענוּמֶען בַּיי דִי קִינְדֶער, הָאט עֶר 'אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ נֵייעֶם שְׁפִּיל' אִין וָואס עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעלָאזְט יִשְׂרָאֵלִי'יק זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן! פַארְקֶערְט, עֶר הָאט אִים בַּארֶעדְט, גֶע'דַאֲגֶה'ט אַז עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן מִיט אַלֶעמֶען. מִיט גְרוֹיס פַארְדָארְבְּנְקֵייט, אִיז זַיין גַּאֲוָה אוּן כְּפִיּוּת טוֹבָה גֶעוַואקְסְן קֶעגְן יִשְׂרָאֵלִי'יק – וָואס הָאט מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, גֶעזָארְגְט פַאר אִים אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט צוּ הֵייבְּן זַיין חֲשִׁיבוּת בַּיי דִי חֲבֵרִים. פִּישְׁל הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹיוִוי דֶער אָרִימַאן וָואס הָאט נִישְׁט מַכִּיר טוֹב גֶעוֶוען דֶעם בֶּערְגֶער דֶער צַדִּיק, אוּן עֶר הָאט אַנְשְׁטָאט אִים צוּ בַּאצָאלְן, דֶערְבִּיטֶערְט זַיין לֶעבְּן.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י' - פוּן דֶער בֶּערְגִיר מִיטְן אָרִימַאן (3)

**אוּן דֶער בֶּערְגֶער**. אִיז אִים גִיפַאלִין אִין זִין אַרַיין. אַז עֶר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם אָרוּם מַאן. מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. **וָואס סֶע גִיוֶוען אַזוֹי אַ חִידוּשׁ**. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט אֶפְשֶׁר וֶועט דְרוֹיף בַּאטַייטִין דֶער חָלוֹם. (וָואס סֶע הָאט זִיךְ אִים גִיחָלְמְ'ט) אַז מֶע טְרָאגְט אִיבֶּער זַיינְס צוּם אָרוּמַאן. אוּן פוּן דֶעם אָרוּם מַאן טְרָאגְט מֶען אִיבֶּער צוּם אִים (כַּנַּ"ל) אֶפְשֶׁר בַּאטַייט עֶס דְרוֹיף אַז זֵיי וֶועלִין זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. וֶועלִין זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹסְגִימִישְׁט וֶוערִין דוּרְךְ דֶעם שִׁידוּךְ.

**אַמָאל אִיז דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ** אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם בֶּערְגֶער. הָאט עֶר עֶס אִיר גִיזָאגְט. אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק מִיט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. אוּן אֶפְשֶׁר וֶועט דֶערְמִיט מְקוּיָם וֶוערִין דֶער חָלוֹם כַּנַּ"ל. הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ אִין זִין גִיהַאט. נָאר אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט קֵיין הַעֲזָה. אִיךְ זָאל מִיט אַייךְ דֶערְפוּן שְׁמוּסִין. אַז אִיךְ זָאל מִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַייךְ. נָאר אַז אִיר ווִילְט. בִּין אִיךְ אַוַודְאַי גְרֵייט. אוּן אִיךְ וֶועל בְּוַודְאַי פוּן אַייךְ נִיט פַארְמַיידִין. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זִיךְ גִישְׁווָאוֹירִין אַז **גָאר מַיין גוּטְץ אוּן מַיין הַצְלָחָה זָאל פוּן אַייךְ נִיט זַיין פַארְמִיטִין**.

**אוּן דֶער זוּן** (פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן דִי טָאכְטֶער. הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חֵדֶר לְשׁוֹנוֹת אוּן אַנְדֶערֶע זַאכִין אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי זֵיי.

**אוּן דִי טָאכְטֶער** פְלֶעגְט מֶען קוּמֶען זִי זֶעהְן מַחְמַת גְרוֹיס חִידוּשׁ אוּן מֶע הָאט אַלְץ גִישֶׁענְקְט מַתָּנוֹת. בִּיז דֶער אָרוּם מַאן אִיז **רַייךְ גִיוָוארִין**. אוּן סֶע פְלֶעגִין קוּמֶען שְׂרָרוֹת זִי זֶעהְן. אוּן זִי אִיז זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין. אוּן אִיר שֵׁיינְקֵייט אִיז בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין סֶע גָאר נִיט גִיוֶוען קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט.

**אוּן מַחְמַת אִיר ווִילְד גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט**. אִיז שְׂרָרוֹת גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם אָרוּם מַאן. אוּן אַ שְׂרָרָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ זוּן. הָאט עֶר חֵשֶׁק גִיהַאט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר. לוּשְׁמִיר סֶע אִיז דִי שְׂרָרוֹת נִיט אָן גִישְׁטַאנֶען מִיט אִים זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. (דְהַיְינוּ מִיט דֶעם אָרוּם מַאן) אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי גִימוּזְט זֶעהְן זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ **גְרוֹיס מַאכִין** (דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּם מַאן) אוּן זֵיי הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר זָאל **דִינֶען בַּיים קֵיסֶר**. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין פְרִיר **אַ פְרָאפִּירְטְשִׁיק**.

**אוּן דֶערְנָאךְ** הֶעכֶער הֶעכֶער אַלֶע מָאל. וָוארְן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אִים גִיךְ צוּ הֵייבִּין אַלֶע מָאל בִּיז עֶר אִיז גִיךְ גִיוָוארִין אַלֶע מָאל **הֶעכֶער הֶעכֶער. בִּיז עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ יֶעדְנִירַאל**,

**אוּן דִי שְׂרָרוֹת** הָאבִּין שׁוֹין גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים, נָאר סֶע זֶענֶען גִיוֶוען אַסַאךְ שְׂרָרוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָאס גִיוָואלְט. וָוארִין אַסַאךְ שְׂרָרוֹת זֶענֶען דְרוֹיף גִיפַאלִין. אוּן הָאבִּין זִיךְ דְרִינֶען גִיפָּארֶעט. צוּ הֵייבִּין אִים אַלֶע מָאל (אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵךְ זַיין) אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵךְ זַיין **מַחְמַת דֶעם בֶּערְגֶער**. וָוארִין מֶע הָאט שׁוֹין גִישְׁמוּסְט אַז מֶע זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים.

**אוּן דֶער אָרוּם מַאן**. וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין **אַ יֶעדְנִירַאל**. הָאט עֶר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער זֵייעֶר מַצְלִיחַ

גִיוָוען. אוּן דֶער קֵיסֶר פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן אִין מִלְחָמוֹת אַרַיין. הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוָוען אַלֶע מָאל.

**הָאט אִים דֶער קֵיסֶר** נָאךְ הֶעכֶער אוֹיף גִיהוֹיבְּן אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. אוּן עֶר הָאט אַלְץ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוָוען.

**בִּיז דֶער קֵיסֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין.** הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה מְיַישֵׁב גִיוָוען. אַז זֵיי זָאלִין אִים מַאכִין פַאר קֵייסֶר אוּן סֶע זֶענֶען צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אַלֶע שָׂרוֹת.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע מַסְכִּים** גִיוָוען אַז עֶר זָאל זַיין קֵיסֶר אִיז עֶר **גִיוָוארִין קֵיסֶר.** (הַיינוּ דֶער אָרוּם מַאן הַנַּ"ל אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין קֵיסֶר)

**אוּן עֶר הָאט גִיהַאלְטִין מִלְחָמוֹת.** אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוָוען. אוּן עֶר הָאט אַייְנְגִינוּמֶען מְדִינוֹת. אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מִלְחָמוֹת גִיהַאלְטִין אוּן **הָאט אַלְץ מַצְלִיחַ גִיוָוען.**

**אוּן הָאט אַלֶע מָאל** וַוייטֶער אָפּ גִינוּמֶען מְדִינוֹת. בִּיז דִי אִיבְּרִיקֶע מְדִינוֹת הָאבִּין זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶער גִיגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים מִיט גוּטְן ווִילִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן דִי הַצְלָחָה זַיינֶע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. וָוארִין גָאר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט אוּן גָאר **דָאס מַזְל פוּן דֶער וֶועלְט אִיז בַּיי אִים.**

**הָאבְּן זִיךְ אַיין גִיזַאמְלְט** אִין אֵיינֶעם אַלֶע מְלָכִים. אוּן הָאבִּין מַסְכִּים גִיוָוען. אַז עֶר זָאל זַיין **אַ קֵיסֶר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיגִיבִּין אַ כְּתַב מִיט גִילְדֶענֶע אוֹתִיוֹת.

**אוּן דֶער קֵיסֶר** (דְהַיינוּ דֶער אָרוּם מַאן וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין קֵיסֶר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט) הָאט שׁוֹין **הַיינְט** נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין **מִיט דֶעם בֶּערְגֶער.** וָוארִין סֶע שְׁטֵייט נִיט **אָן אַ קֵייסֶר** זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט **אַ בֶּערְגֶער.**

**אוּן זַיין וַוייבּ** דִי קֵיסֶרְטֶע. זִי הָאט נִיט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיינוּ זִי הָאט מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוָוען פוּן אִירֶעט וֶועגְן כַּנַּ"ל)

**הָאט דֶער קֵיסֶר גִיזֶעהְן** אַז עֶר קָאן קֵיין שִׁידוּךְ נִיט טָאן מַחְמַת דֶעם בֶּערְגֶער. בִּפְרַט זַיין וַוייבּ הַאלְט מִיט אִים זֵייעֶר. דְרוּם הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ **טְרַאכְטְן מַחְשָׁבוֹת** אוֹיף דֶעם בֶּערְגֶער. אוּן אִין דֶער תְּחִילָה הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִים בְּדַלוּת צוּ שְׁטֶעלִין אוּן עֶר הָאט גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת. גְלַייךְ אַז ווִי סֶע אִיז נִיט פוּן אִים.

**אוּן הָאט אַלְץ גִיזֶעהְן** אִים גוֹרֵם צוּ זַיין הֶיזֵיקוֹת. אוּן אַ קֵיסֶר קָאן דָאס בְּוַודַאי טָאן. הָאט מֶען אִים אַלֶע מָאל שָׁאדִין גִיטָאן אוּן מִהָאט אִים אַלְץ אִיזְבַּאוֹיט גֶעלְט. בִּיז עֶר אִיז **בְּדַלוּת גִיוָוארִין.** אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין גָאר אֵיין **אָרוּם מַאן.**

**אוּן זִי דִי קֵיסֶרְ'טֶע** הָאט אַלְץ מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער קֵיסֶר גִיזֶעהְן. אַז כָּל זְמַן **דֶער זוּן לֶעבְּט** (דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) קָאן עֶר קֵיין אַנְדֶערִין שִׁידוּךְ נִיט טָאן.

**הָאט דֶער קֵיסֶר זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גִיוָוען** דֶעם בָּחוּר מַעֲבִיר זַיין פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט גִיטְרַאכְט מַחְשָׁבוֹת אִים מַעֲבִיר צוּ זַיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים אוֹיף גִישְׁטֶעלְט בִּלְבּוּלִים. אוּן הָאט אוֹיף אִים גִיזֶעצְט שׁוֹפְטִים זֵיי זָאלִין אִים מִשְׁפֶּטִין.

**אוּן דִי שׁוֹפְטִים** הָאבִּין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם קֵיסֶרְס רָצוֹן אִיז אַז מִזָאל אִים **מַעֲבִיר מִן הָעוֹלָם זַיין** הָאבִּין זֵיי אוֹיס גִיגִיבְּן דֶעם מִשְׁפָּט. אַז מִזָאל אִים אַרַיין לֵייגִין אִין אַ זַאק (דְהַיינוּ דֶעם בָּחוּר דֶער זוּן פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן מִזָאל אִים אַרַיין וַוארְפִין אִין יַם אַרַיין

# לאמיר זיך פארהערן

נאמען: ____________



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (3)

**א. ווען דער בערגיר האט געבעטען די ווייב פונעם ארימאן זיך צו משדך זיין, וואס האט זי געענטפערט?**
- ☐ אויב איר ווילט בין איך זיכער גרייט
- ☐ יא
- ☐ ניין

**ב. וואס האט מען צום ערשט געמאכט דעם ארימאן?**
- ☐ פאר א פראפירטשיק
- ☐ פאר א יעדניראל
- ☐ פאר א שר

**ג. וואס איז דער ארימאן געווארן צום סוף?**
- ☐ א יעדניראל
- ☐ א קיסר איבער די גאנצע וועלט
- ☐ א קיסר

**ד. וואס האבן די קעניגן געגעבן פאר'ן קיסר?**
- ☐ אסאך טייערע מתנות
- ☐ א גאלדענע קרוין מיט דימאנטן
- ☐ א כתב מיט גילדענע אותיות

**ה. פארוואס האט דער ארימאן זיך נישט געוואלט זיך משדך זיין מיט'ן בערגיר?**
- ☐ ווייל עס פאסט נישט אז א יעדניראל זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ☐ ווייל עס פאסט נישט אז א קיסר זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ☐ ווייל די ווייב פון ארימאן האט נישט געוואלט זיך משדך זיין

**ו. וואס האט דער קיסר געטראכט צו טאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- ☐ אים צו מאכן ארים
- ☐ אים מעביר זיין פון די וועלט
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

מיט וואספארא נישט גוטע מידה האט זיך דער ארימאן (וואס איז געווארן א קיסר) געפירט צום בערגיר?

וועלכע דרגות האט מען ארויף גענומען דער ארימאן כדי די שרים זאלן קענען זיך משדך זיין מיט אים?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בערגיר מיטן ארימאן (2)

ביי וועלכע נאך מעשה פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט אז איינער האט געוועקט דעם אנדערן?

**ביי מעשה א',** און הָאט אִים זַייעֶר גִיוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט דֶער וֶועקִין,

**ביי מעשה ז',** הָאבְּן זֵיי גִיקְלַאפְּט אַרוּם אִים. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִים אוֹיף וֶועקִין. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט.

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט ווָאס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com